**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/17/2022

## גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון אפליקאציע פאר די CAREY GABAY 2022 סקאלערשיפ פראגראם

***פינף אויסגעצייכנטע אריינקומענדיגע סטודענטן צו אויסדערוועהלט ווערן פאר דעם סקאלערשיפ פראגראם***

***פאראינטערעסירטע אפליקאנטן זאלן אפלייען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק ( State University of New York, SUNY) נעמט יעצט אן די 2022 אפליקאציעס פאר די Carey Gabay Memorial סקאלערשיפ. די סקאלערשיפ באעהרט קערי געבעי, א לויער און פובליק בעאמטער וואס איז טראגיש געהרג'ט געווארן זייענדיג אן אומשולדיגער קרבן פון רעוואלווער פארברעכן אין 2015. דער פראגראם שטעלט צו א פולע סקאלערשיפ פאר פינף אריינקומענדיגע SUNY סטודענטן וועלכע שטעלן ביישפילן פון געבעי'ס איבערגעגעבנקייט צו געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט, פירערשאפט און מדריך זיין אנדערע, ווי אויך זיין פערזענליכע געשיכטע פון אקאדעמישע סוקסעס און איבערקומען זיין עקאנאמיש-אפגעשוואכטע הונטערגרונט.

"קערי געבעי איז א ביישפיל פון די בעסטע צווישן אונז, און מיט די סקאלערשיפ לעבט זיין איבערגעגעבנקייט צו גערעכטיגקייט ווייטער אן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סטודענטן וועלכע ווערן געשאנקען די Carey Gabay Memorial סקאלערשיפ האבן די געלעגנהייט צו באעהרן זיין נאמען און פארזעצן זיין ירושה דורכן פירן אונזער סטעיט פאראויס צו א מער יושר'דיגע און גלייכע צוקונפט, און איך ערמוטיג אלע וועלכע זענען איבערגעגעבן צו שאפן א בעסערע ניו יארק צו אפלייען."

**SUNY ציטווייליגע טשענסעלאר דעבארע פ. סטענלי האט געזאגט,** "די Carey Gabay Memorial סקאלערשיפ איז מער פון בלויז א געלעגנהייט פאר פינף סטודענטן צו באקומען א בילדונג פון ערשטן קלאס, נאר עס דינט אויך אלץ דערמאנונג אז זיין אקטיוויזם זעצט פאר צו זיין אן אינספיראציע פאר SUNY סטודענטן וועלכע גייען אין זיינע פיסטריט אלץ אונזערע צוקונפטיגע פירער וועלכע ווילן קעמפן פאר געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר פערזענליכע איבערגעגעבנקייט צו העכערע בילדונג אלץ מיטל פאר גלייכקייט און מעגליכקייט פאר עקאנאמישע סוקסעס, און מיר קוקן ארויס צו אויפנעמען די פינף נייע קלוגע קעפ אריין אין אונזערע געשעצטע קאמפוסעס, זיי אונטערהייבנדיג כדי זיי זאלן קענען ערגייכן זייערע חלומות."

**גרונדערין פון די Carey Gabay Foundation, טרענעל געבעי, האט געזאגט,** "קערי איז אוועקגענומען געווארן פון אונז צו פרי, אבער פון די טראגעדיע איז ארויסגעקומען די געלעגנהייט צו פירן ניו יארק'ס סטודענטן צו א ליכטיגערע מארגן. די יושר און גערעכטיגקייט פאר וועלכע קערי איז געשטאנען לעבן ווייטער דורך דעם סקאלערשיפ און אויך דורך די Carey Gabay Foundation וואס דינט צו גיבן

הדרכה פאר יונגווארג וועלכע זענען אין שוואכערע אומשטענדן און ווערן אפט פארקוקט. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן לעבעדיג האלטן קערי'ס ירושה, און איך קוק ארויס צו אנאנסירן די היי-יאריגע געווינער."

געבעי איז אויפגעוואקסן לעבנדיג אין פובליק האוזינג און איז געגאנגען אין פובליק סקול אין די בראנקס. נאך א ערפאלגרייכע היי סקול קאריערע האט ער פארגעזעצט צו גראדואירן פון Harvard University און Harvard Law School. ער האט געהאט א לאנגיאריגע איבערגעגעבנקייט צו פובליק דינסט און צוריקגיבן פאר זיינע ארומיגע, און בשעת'ן זיין אין Harvard University איז ער געלאפן צו ווערן דער פרעזידענט פון די סטודענטן פארבאנד. דורכאויס זיין קאריערע האט ער געארבעט מידלאז אין פובליק דינסט, אנהויבנדיג אין 2011 אלץ געהילף ראטגעבער צו דער גאווערנער און שפעטער אלץ ערשטע דעפיוטי קאונסעל פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development) קארפארעישאן.

די Carey Gabay Memorial סקאלערשיפ וועט ווידעראמאל שענקען א פולע סקאלערשיפ פאר פינף סטודענטן וועלכע גייען צו פיר-יעריגע פראגראמען אין SUNY קאלעדזשעס אנהויבנדיג אין די 2022-23 סקול יאר. די סקאלערשיפס וועלן דעקן אלע קאסטן פון גיין אין קאלעדזש, אריינרעכענענדיג שכר לימוד, דארמיטארי, קאלעדזש צוצאלונגען, ביכער און סופלייס, טראנספארטאציע און פערזענליכע אויסגאבן. סקאלערשיפ געווינער וועלן אויך אנטייל נעמען אין א מענטארינג פראגראם. אפליקאציעס זענען דא צו אויספילן [דא](#) און דארפן אריינגעגעבן ווערן ביז יוני 30, 2022.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז דער גרעסטער אויספירליכע סיסטעם פון העכערע עדיוקעישן אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון סיי וועלכע פון די SUNY׳ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. לענגאויס דעם סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיקעל סקולס, צוויי דענטעל סקולס, א געזעץ שולע, דער סטעיט׳ס איינציגסטער קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פארוואלטעט איין יו-עס דעפארטמענט פון ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.3 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזען אויף באלד א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן איבערן די גאנצע סיסטעם זענען בערך 1.1 ביליאן דאלאר אין דעם פיסקאלן יאר 2021, אריינרעכענענדיג באדייטנדעביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען פאראן איבער דריי מיליאן SUNY אלומנע איבער דער וועלט, און איינס פון דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דיפלאם איז א גראדואירטער פון SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](http://www.suny.edu).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov)

[זיך ארויסשרייבן](#)